וואס דער שונא שטעהט ביי די טהויערען פון ארץ ישראל, זאגען מיר צו די אידען: „התיצבו וראו את ישועת ד'!" שטעהט פעסט, פערצווייפעלט נים, די געטליכע ישועה קומט זיכער און שנעל!

„נחמו נחמו עמי, יאמר אלהיכם!" מיר ווילען איה"ש האבען א נחמו פאסיג צו זיין א יאמר אלהיכם'דיגער! א נחמו וועלכער וועט צייגען דער גאנצער וועלט אז ער קומט פון ג־ט ב"ה אליין!

אונזער „נחמו" איז באזירט אויף א פעסטען יסוד און קיין שום איד טאהר נים פערצווייפלען ווי ביטער די קומענדע צייט זאל נים זיין, ווייל דאס זענען ב"ה די לעצטע אידישע צרות, די פערשטארקטע פינסטערניש איידער די זון געהט אויף!

„נחמו נחמו עמי!"

---

## די קאָנווענשאָן פון דער אגודת הרבנים

עס איז באלד סוף התש"ב, דער ערנסטער יאהר אין אונזער ביטערער גלות געשיכטע, און די ערשט־אפגעהאלטענע קאנווענשאן פון דער אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה, איז ווי אין די פאריגע עטליכע קאנווענשאנס איהרע געווען א קאנווענשאן פון פיעלע טרעהרען, תהלים־זאגען און אנשטרענגונג צו ראטעווען די תורה־אנשטאלטען און איהרע טרעגער דורך שאפען פאנדען און אויף אנדערע מעגליכע אופנים.

די קאנווענשאן איז געווען א ווירדיגע און א פראקטישע אין יעדער הינזיכט, דער איינציגער חסרון איהרער איז אין דעם וואס זי האט גארנים געוואלט ארונטערלאזען פון ווירדינקייט און פראקטישקייט, און אין דער איצטיגער צייט, אין התש"ב, איז צופיעל ווירדינקייט און פראקטישקייט פאר רבנים אביסעל אומגעזונד פאר זייער גייסטיגער פיהרערשאפט און נאך אומגעזונטער פאר די געפיהרטע, דעם כלל ישראל.

פאר אירגענד וועלכען פיהרער צו זיין ווירדיג און פראקטיש, מיינט צו פערמיידען קריטיק און געלעכטער פון די געפיהרטע און פון אנדערע פיהרער, און וואס אנבעלאנגט אלע אלגעמיינע עניני העולם, דארפען רבנים אודאי פערמיידען קריטיק; זיי טאהרען נים האנדלען אונטער זייער ווירדע און זיי טאהרען זיך נים ארויסצייגען אלס אומפראקטיש אין מילי דעלמא, ווייל דורך ארויסרופען גרינגשעצונג צו זיך, קענען זיי חו"ש ברענגען א חלול כבוד התורה וואס דאס מיינט אויך א חלול השם, ר"ל.

גאנץ אנדערש איז אבער דער פאל ווען עס האנדעלט זיך וועגען גייסטיגע ענינים, וועגען תורה ואמונה. אין אזא פאל דארפען זיך רבנים נים שרעקען פאר קריטיק און פאר אויסגעלאכט ווערען; אויף דעם זאגען אונז די רז"ל: „מוטב לי להקרא שוטה כל ימי וכו'". (עדיות פ"ה). די פעלקער לאכען אמאהל פון אידען בכלל, און די פערגרעבטע אידישע עם הארצים לאכען פון אונזערע תלמידי חכמים, איז אודאי פערשטענדליך אז פאר אזעלכע אויסלאכער דארף מען זיך נים קימערען און טהון דאס וואס איז לרצון לפני המקום י"ת.

אויף א צווייטען פלאץ דרוקען מיר דא דעם בריעף וואס אדמו"ר שליט"א מליובאוויטש האט צוגעשיקט צו דער רבנים־קאנווענשאן דורך א שליח מיוחד. אין דעם דאזיגען בריעף האט אדמו"ר שליט"א זעהר ערעל אנגעדייטעט צו דער ווירדיגער קאנווענשאן אז איצט איז א צייט ווען די גייסטיגע אידישע פיהרער טאהרען נים מורא האבען פאר קריטיס און געלעכטער; זיי טאהרען נים מאכען קיין שום קאנצעסיעס צו אנדערע פיהרערשאפטען ביי אידען, אדער צו די אידישע מאסען זעלבסט, נור ארויסקומען מיט'ן אמת התורה אויף אלע געביטען, ווי פרעמד און אויסטערליש דאס זאל נים קלינגען און ווי קרום אלע אנדערע אדער פיעלע זאלען דערויף נים קוקען. ליידער זעהט זיך נים דורך די בעשלוסען פון דער קאנווענשאן, אז דאס זאל האבען בעאיינפלוסט די פערזאמעלטע אויף אירגענד וועלכען אופן, און אמבולט'סטען זעהט זיך דאס ארוים אין דעם וואס די קאנווענשאן האט נים דערמאהנט, אין דעם וואס זי האט נים געזאגט!

אוצר החכמה

מיר ווידערהאלען אז דאס וואס די קאנווענשאן האט געזאגט און געטהון איז וויכטיג און ווירדיג. ווען דער כלל ישראל איז אין אן עת צרה דארפען רבנים וויינען און זאגען תהלים און זוכען מיטלען צו העלפען די ליידענדע, ובפרט די תלמידי חכמים, ראשי ישיבות, רבנים און זייערע פאמיליעס. דאס האט די קאנווענשאן געטהון און פאר דעם וועט זי טאקי פון קיינעם נים קריטיקירט ווערען, אבער ערשטענס האט דאס נים געטאהרט זיין דער איינציגער אויפטהו פון דער קאנווענשאן, איין זיצונג איז געווען גענוג פאר דעם, והשנית צייגט דאס נים־דערטהוענע און דאס נים־דערזאגטע אז ענטוועדער די רבנים האבען דאס נים געהאלטען פאר נויטיג, אדער זיי האבען געוואלט פערמיידען קריטיק און אויסגעלאכט ווערען, וואס ביידע זאכען זענען אונז א היבש ביסעל קשה.

עס איז נים אונזער צוועס און זיכער נים אונזער וואונש צו קריטיקירען די רבנים צווישען וועלכע עס געפינען זיך גדולי תורה פון דעם גרעסטען סארט. אבער מיר גלויבען אז דאס איז א פאל פון „במקום שייש חלול השם". מוזען מיר אנצייגען למען האמת און כדי צו פערמיידען א תקלה ר"ל. אז די רבנים־קאנווענשאן האט נאך נים געפונען פאר נויטיג צו ארויסקומען מיט דער ערקלעהרונג אז מיר ליידען פון די חבלי משיח ווייל עס איז קודם הגאולה און אז דערפאר מוזען אלע אידען תשובה טהון כל זמן ס'איז נאך נים צו שפעט. די רבנים זעלבסט דארפען קלאהר מאכען אויב זיי האלטען טאקי נים אז מיר זענען ערב דער גאולה, אדער אז זיי האלטען יא דערפון, נור זיי האבען נים געוואלט קריטיקירט ווערען דורך דער פרעסע און דעם עולם; נים געוואלט אויסגעלאכט ווערען אלס בטלנים!

מיר מוזען אנצייגען למען האמת, אז די רבנים־קאנווענשאן האט נים פראטעסטירט געגען דער וויים־פערשפרייטער פאלשער נבואה, אז ס'איז חו"ש נימא קיין שום האפנונג פאר דער וויטערער עקזיסטענץ פון'ם אידישען פאלק אויסער אין דעם זיעג פון ענגלאנד, וואס ווי וויכטיג אט דער זיעג זאל נים זיין, איז די פאלשע נבואה כנגד התורה, הנביאים ודברי רז"ל, און מען טאהר צווישען אידען אזעלכע פינסטערע פאלשע נביאות נים פערשפרייטען ובפרט ווען אידען קעמפען סיי ווי סיי פאר ענגלאנד און טהוען אלעס וואס זיי קענען פאר איהר זיעג, ווייל דאס מיינט אויך דעם זיעג פון אמעריקע וועלכען זיי ווילען אודאי און אודאי!

דורך פערשווייגען אט די צוויי זאכען ווערט אונדירעקט אפגעליקענט אונזער רוף „לאלתר לגאולה—לאלתר לתשובה!" ברענגענדיג א חלול השם אויף דער אידישער גאס. אויב ס'איז נים צו ערווארטען די גאולה איז נים נויטיג קיין תשובה! און הגם די רבנים מיינען דאס נים צו זאגען, זאגט עס דער אידישער עולם אליין צו זיך. ווען דערצו האט די קאנווענשאן יא פראטעסטירט געגען די געגנער פון דעם פאליטישען ציוניזם, פערשטעהט דער אידישער עולם זיכער, אז מעהר ווי א פאליטישע גאולה קען דאס אידישע פאלק נים ערווארטען, און א פאליטישע גאולה פאדערט נים קיין תשובה, האט דער עולם אונדירעקט דעם רבנישען הכשר אויף צו טהון אלעס נעגען וואס די אגודת הרבנים קעמפפט זיים פערציג יאהר!

אויך דאס לעצטע לאזען מיר איבער צו די רבנים זיי זאלען אליין קלאהר מאכען ווארום זיי פראטעסטירען נים געגען די געגנער פון אונזערע נביאי האמת בשעת זיי פראטעסטירען יא געגען די געגנער פון די מאדערנע אידישע פאליטיקער!

מיר ווייסען גאנץ גוט, אזוי ווי די אגודת הרבנים ווייסט עס, אז לויט די בעגריפען פון די היגע אמעריקאניזירטע אידען איז טאקי נים פראקטיש צו דערמאהנען זיי גאולה, משיח, חבלי משיח און תשובה, ווייל דערמיט רופט מען ליידער ביי פיעלע ארוים קריטיק און מען פערלירט אביסעל די ווירדע. מיר קענען אבער נים פערשטעהן ווארום די אגודת הרבנים האט מעהר מורא פאר דער קריטיק פון דעם עולם און פון דער אידישער פרעסע ווי אדמו"ר שליט"א, און ווארום עס פאלט נים איין אונזערע ווירדיגע רבנים דער געדאנק, אז אפשר האט אדמו"ר שליט"א רעכט ווייל ער ווייסט אויך פון דעם מאמר „חכמים הזהרו בדבריכם" און די פיער ווערטער וואס שטעהען נאכדעם! . . .

ווי שוין געזאגט, ווילען מיר די רבנים־קאנווענשאן נים קריטיקירען, מיר פרעגען נור קשיות אויף וועלכע די רבנים אליין קענען ענטפערען, אבער לויט די בעשלוסען פון דער קאנווענשאן האבען מיר דערווייל דעם אונדירעקטען ענטפער אויף אזוי וויים, אז דאס וואס זיי האבען געטהון איז טאקי ווירדיג און פראקטיש, און עס האט זיכער געדארפט געטהון ווערען, נור אז זיי האבען אויסגעמידען צו טהון נאך א וויכטיגע ארבייט — צו פראקלאמירען דעם „לאלתר לגאולה—לאלתר לתשובה!" וואס דערמיט וואלטען זיי ליידער טאקי פערלירען אביסעל בנוגע ווירדע און פראקטישקייט אין די אויגען פון'ם היגען יודענטהום, אבער וואס לויט אונזער מיינונג, האבען זיי זיך דערמיט נים געדארפט רעכענען צוליעב די טעמים וואס מיר האבען דא דערמאהנט אויבען.

על כל פנים זאגט עדות דער גייסט פון דער קאנווענשאן אז אזוי שפעט ווי סוף התש"ב האלטען נאך נים די היגע רבנים פון אונזער צוויי־יאהר אלטען רוף בשם אדמו"ר שליט"א „לאלתר לגאולה!" און דעם דאזיגען פאקט פערצייכענען מיר דא לזכרון, מיר זאלען נים פערגעסען צו בעטען מחילה ביי דער אגודת הרבנים אויף איהר נעקסט־יאהריגער קאנווענשאן ווען און אויב די ווירדיגע רבנים וועלען דאן אויך האבען די זעלבע מיינונג ווי איצט!

# ניט!

**די שטאָדטישע "באארד אָף עדיוקיישאָן" וויל אונטערדריקען די צייט פון למוד התורה אין די היגע ישיבות פון די מאָרגען־שטונדען צו די נאָכמיטאָג־שטונדען וואָס דאָס איז אַ שעדליכע און אומגערעכטע פאָדערונג; פאר די ישיבות איז דאָס אַ זעהר געפעהרליכע גזרה מכמה טעמים און זי דראָהעט ממש זייער עקזיסטענץ.**

**דער אידישער ענטפער אויף דיעזער גזרה דאַרף זיין אַן אונערשראָקענער "נים " דאָס איז ביי אונז אַן עיקר ענין פון אמונה און די היגע קאָנסטיטוציע גיט אונז דאָס רעכט צו**



הקריאה והקדושה - תש"ב / אגודת חסידי חב"ד {עמוד 170} (132136)
הודפס מאתר אוצר החכמה

פּראקטיצירען אונזער אמונה אָהן שטערונגען. די למודי חול וואָס די רעגיערונג פאָדערט זענען מיר מחויב צוצוגעבען, אָבער מען טאָהר אונז ניט אָנצייגען די שטונדען ווען וואָס עס זאָל געלערענט ווערען. אזא אריינמישונג אין אונזער רעליגיעזען לעבען איז אפילו געגען די היגע געזעצען און אודאי איז דאָס כנגד התורה, מוז אונזער ענטפער זיין אַ הויך־קלינגענדער "ניט!" און מיר מוזען פאר דעם קעמפּפען ביז צו די לעצטע אינסטאנצען פון די היגע קאָורטס.

דאָס אריינמישען זיך פון דער "באארד אָף עדיוקיישאָן" אין די ענינים פון אונזערע ישיבות, איז די ערשטע שענדליכע גזרה געגען די היגע אידען און זי דאַרף בעקעמפּפט ווערען מיט אלע כחות הן צוליעב דער שעדליכקייט פון דער גזרה זעלבסט, הן צוליעב אָפּשוואכען דעם אפּעטיט ביי די קליינע אויטאָקראַטען פאר שאפען נייע מעהרערע גזירות אויף אידען, און דאָס דארפען פערשטעהן אלע היגע אידען אפילו די ניט־פראַקטיצירענדע אין ישיבות; דער קאמפף געגען דער גזירה איז דער קאמפף פון אלע פרייהייט־ליעבענדע אידען, דער קאמפף פאר דער היגער פרייהייט וועלכע איז גאראנטירט פון דער קאָנסטיטוציע, און פערנאכלעסיגען איהם, מיינט צושטימען, אז אויך אין דעם היגען לאנד מעג מען מאכען גזירות אויף אידען, אַ זאך וואָס קיין שום איד טאָהר ניט בלייבען גלייכגילטיג דערצו, ובפרט ווען דער געזעץ איז ב"ה דוקא אויף אונזער זייט.

איין זאך מוז אָבער דאבריי בעטאָנט ווערען — דער קאמפף מוז ארויסגענומען ווערען פון די הענט פון די פּארעווע אידישע פאָרשטעהער וועלכע זענען אליין ניט אין אויסזעהען און ניט אין זייער אויפפיהרונג מחותנים מיט דער תורה, אפילו ניט קיין מהדרין בכשרות, נור זיי טהוען דעם רבוש"ע אַ טובה און נעהמען זיך אָן פאר די ישיבות; דעם קאמפף מוזען פיהרען די אמת'ע בני תורה; פאר די בעטרעפענדע פאָרשטעהער פון דער באארד אָף עדיוקיישאָן מוזען אויפטרעטען רבנים, ראשי ישיבות, אידען מיט'ן אמת־אידישען הדרת פנים און וועלכע זאָלען זאָגען אָפען, אז קיינע אנדערע מינים אידען קענען זיי ניט פערטרעטען און קיינער קען פאר זיי קיין פשרות ניט מאכען. זיי מוזען זאָגען מיט'ן הארבען וואָרט אז זיי וועלען זיך בשום אופן ניט לאָזען איינשרעקען צו אויפגעבען די למודי תורה צוליעב די בעקוועמליכקייטען פון די למודי חול, ווייל דאָס איז אַן ענין אמונה פאר וועלכען מיר האָבען געקעמפּפט מיט דער גרעסטער מסירת נפש זייט די לעצטע צוויי טויזענד יאָהר און זיך קיינעם ניט אונטערגעגעבען. אזעלכע אידישע פערטרעטער וועלען פון די קריסטליכע בעאמטע פערשטאנען און רעספּעקטירט ווערען. ווען צו די בעאמטע קומען אידען וועלכע קוקען אליין אויס היבש אסימילירט, האָבען די לעצטע ניט דעם מוטה צו פאָדערען זייער זאך ווי געהעריג און זיי האָבען אויך ניט דאָס רעכט; זיי אליין צייגען דעם ביישפּיעל אז אידען קענען זיין אידען אָהן דער תורה, איז ניט זיי ווערען רעספּעקטירט אלס אידען, ניט זיי פערדיענען מען זאָל זייערע פאָדערונגען נאָכגעבען. זיי מאכען קאליע דעם גאנצען ענין פיעל מעהר ווי זיי קענען איהם פערריכטען.

ווען מען פאָדערט פּריווילעגיעס פאר אידישען תורה־חינוך, דארף מען ניט ארויסשטעלען אזעלכע אידען וועלכע זענען אליין דער היפוך פון דעם וואָס מיר פאָדערען; דאָס מיינט פשוט זיך מאכען לעכערליך; ס'איז ווי הויך־געוויקסיגע סאָלדאטען זאָלען פאָדערען פון זייער גענעראל גרעסערע בעטען צום שלאָפען דורך שיקען צו איהם אַ דעלעגאציע פון די קארליקעס צווישען זיי!

דער קאמפף פאר תורה מוז געפיהרט ווערען פון די אמת'ע פאָרשטעהער פון דער תורה, ווייל נור דאן וועלען די ניט־אידישע "דוחקי את השעה" איינזעהען אז זיי האָבען צו טהון מיט אַן ערענסטער פאָדערונג וואָס פערדיענט אויפמערקזאמקייט און אז די וואָס שטעלען די פאָדערונג זענען ערשטענס גערעכט און צווייטענס פארטיג צו קעמפּפען מיט דער גרעסטער מסירת נפש; זיי וועלען איינזעהען דעם "השעה דוחקתו", אז זייער געפלאנטע צייט־ענדערונג אין די למודי הישיבה שטופּט זיי צוריק און לאָזט זיך באמת ניט איינפיהרען, און מיט אַן עקשנות'דיגען קעמפּפער רעכענט מען זיך!

"ניט", איז דער ענטפער וואָס מיר אידען האָבען אויף אזעלכע גזרות געגעבען אפילו צו דעם רוסישען צאריזם און מיר האָבען ב"ה אויסגעפיהרט, און על פי התורה טאָהרען מיר דאָ אויך קיין שום פשרות ניט מאכען בנוגע דעם למוד התורה. אירגענד וועלכער אנדער ענטפער בנוגע דער קליינער מינאָריטעט אידישע קינדער וועלכע לערנען אין די היגע ישיבות, איז אַן עון אשר חטא. די היגע רבנים טראָגען פאר דעם די גאנצע פערראנטוואָרטליכקייט, "ללמדך שכל סרחון הדור תלוי בגדולים שיש כח בידם למחות" (רש"י, במדבר, ל"א י"ד); די רבנים וויסען די געפאהר פון דער גזרה און זיי טאָהרען זי ניט אָננעהמען אָהן אַ קאמפף; זיי האָבען נור איין אויסוועג — צו זאָגען "ניט"! און צו קעמפּפען, אָדער זיי זענען אליין מבטל זייער גייסטיגע אויטאָריטעט ביי אידען!

אַן אונערשראָקענער "ניט"! און פון די מיילער וועלכע זאָגען דאָס מיט אַ גרייטקייט פאר מסירת נפש, איז אונזער הייליגע פליכט און אונזער איינציגע האָפנונג צו געווינען דעם קאמפף. די ביז־איצטיגע שתדלנים פשרה־מאכער מוזען אין דיעזען פאל פאָלשטענדיג בעזייטיגט ווערען; זיי זענען ניט אונזערע פערטרעטער. זיי האָבען ניט די נויטיגע מסירת נפש, זיי זוכען גאָרניט מעהר ווי פשרות און אין דעם דאָזיגען ענין זענען ניט דערלאָזבאר; מיר דארפען בעשטעהן אויף אונזער רעכט, ובפרט אז די גזרה איז אבסאָלוט ניט אין די אינטערעסען פון דער מדינה, און ניט פאר דער מדינה אלס גאנצע, נור פאר דער שטאָדט ניו יאָרק אליין, און דורך איינעגע בעאמטע וועלכע קענען ניט אָנצייגען קיין גנינגענדע בערעכטיגונג פאר זייער גזרה, וואָס אויב זי שטאמט ניט פון ביזוויליגקייט, שטאמט זי פון פשוט'ער אונוויסענהייט, דאָס ניט וויסען אז אין די עקרי האמונה האָט די אידישע אָרטהאָדאָקסי קיינמאָהל זיך ניט אונטערגעגעבען.

מיר וויסען אז "ניט"! איז אונזער ענטפער און אָט דעם ענטפער מוזען אויך הערען די ניט־אידישע גזרה־מאכער! מיר דארפען דאביי געדענקען די אנדערע "ניטס" — ניט מיר קענען אָננעהמען די גזרה און ניט זי איז בערעכטיגט. ניט די ביז איצטיגע האלב אהער האלב אהין־אידען דארפען פיהרען אונזער תורה־קאמפף און ניט די רבנים וראשי הישיבה מעגען דעם קאמפף אימעצען אָנטרויען!

ניט, ניט, און ניט! מיט דעם ערשטען און לעצטען "ניט" צו די גזרה־מאכער! מיר קענען די גזרה בשום אופן ניט אָננעהמען; מיר האָבען זי ניט אָנגענומען פון די רוימער, פון די גריכען, און פון די רוסישע צארען, מוזען מיר טהון דאָס זעלבע דאָ מיט דער היגער באארד אָף עדיוקיישאָן! אונזער ענטפער מוז זיין אַ גרויסער "ניט"! געגעבען פון אונזערע איינציגע גייסטיגע פערטרעטער — די רבנים!

• הרב מאיר

# וואס די הפטרות דערצעהלען אונז

הפטרת דברים — „חזון ישעיהו" (ישעיה א')

אין דער סדרה שטראָפט די אידען משה רבינו, און אין דער הפטרה שטראָפט זיי ישעיה הנביא, זענען די ביידע פאַלשטענדיג צו־געפּאסט און יעדע איינע דערמאָהנט אַן דער צווייטער. דאָס וואָס איז דער צוועק פון דער צופּאסונג.

די פראגע איז דא, ווארום מען האט דוקא צוגעפאסט צו דער סדרה די שטראף־רייד פון ישעיה הנביא און ניט פון אַן אנדער נביא איבערהויפּט ווען די שטראף־רייד גופא זענען גאנץ פערשיעדענע. משה שטראָפט די אידען כמעט פארביינעהענד און ער דערמאָהנט זיי נור די אַלטע אמאָהליגע זינד; ער דערצעהלט אז זיי האבען ניט צופיעל געגלויבט אין ג־ט'ס פערשפּרעכען צו געבען זיי ארץ ישראל און ער דערמאָהנט ניט אז זייט דאן זענען זיי נאך אלץ די זעלבינע זינדער; ער וואָרענט זיי אויך ניט אז זיי וועלען דערפאר בעשטראָפט ווערען, ווייל דאמאָלס זענען זיי באמת געווען ווי עס בעדאַרף צו זיין. בשעת ישעיה הנביא שטראָפט די אידען בעשולדיגענדיג זיי



הקריאה והקדושה - תשי"ב / אגודת חסידי חב"ד {עמוד 171} (132136)
הודפס מאתר אוצר החכמה